גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

זמנים (NYC)
הדלקת הנרות.................7:42
מוצאי שב"ק....................9:14

שיעורים כסדרן
נ"ך........................ירמי' כ"ב-כ"ג
בבלי........................שבועות ט'
ירושלמי....................יבמות ל"ח
תוספתא......................נזיר ג'
רמב"ם..............גזילה ואבידה ב'

פרשת אחרי קדושים, י"ב אייר, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ג'
שנה 14, גליון 32 (700)

אַ וָואָרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ, לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ אֲנִי ה'. וָואס אִיז דִי הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן אִין אֵיין פָּסוּק? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ט) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוּן עֶר וִויל אַז מְ'זָאל אִים אוֹיסְהֶערְן, זַיינֶע רֵייד זָאלְן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען, דַארְף עֶר זֶען סְ'זָאל זַיין גוּטְס אִין דִי וֶוערְטֶער, עֶר זָאל רֶעדְן גוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶועט מֶען אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן אָנְנֶעמֶען זַיינֶע רֵייד.

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט אִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן וִוי מְ'רַייסְט אִים אַרָאפּ אַז עֶר טוֹיג נִישְׁט אוּן עֶר קֶען נִישְׁט, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נָאר לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג, אַז סְ'אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, הָאט עֶר נָאךְ יֶעצְט אַ שַׁאנְס צוּ זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, אַז עֶר קֶען נָאךְ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אוּן זֵיי דַארְפְן נִישְׁט הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס זָאל צוּגִיסְן נָאךְ זַאלְץ צוּ זַיינֶע וואוּנְדְן, אִים זָאגְן מוּסָר אוּן אִים נָאךְ מֶער צֶעבְּרֶעכְן. דָאס רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי אוּן דָאס וֶועט זֵיי נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז מְחַזֵּק צוּ זַיין יֶענֶעם, "קֶענְסְט נָאךְ יָא מַצְלִיחַ זַיין, הָאסְט אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אִין דִיר", דָאס הָאט אַ מֶענְטְשׁ לִיבּ צוּ הֶערְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע חָלוֹם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן צ"א) וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעזֶען אֵיין טָאג אַז אַלֶע זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, אוּן עֶר זֶעט אוֹיפְ'ן גַאס פִילֶע רֶעדְלֶעךְ פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁמוּעֶסְן אוּן מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים, עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ אַן אַנְדֶערֶע לַאנְד אוּן אוֹיךְ דָארְט הָאט מֶען גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן אִין אַ וַואלְד מִיט בְּלוֹיז פִינְף מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם פוּן זֵיי צוּ קוֹיפְן עֶסְן, אוּן צוּ זֶען אוֹיבּ דִי רַעשׁ קֶעגְן רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעשְׁטִילְט, אָבֶּער עֶס אִיז נָאכְאַלְץ גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ. דֶערְוַוייל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט אוּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְהַאלְטְן, "הַיִּתָּכֵן אִיר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַזוֹי? אִיר שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט פוּן אַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע זֵיידֶעס אוּן פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים?!", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט יֶענֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק פָארְגֶעהַאלְטְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אַז אִיךְ לַייד דָא אַזוֹיפִיל אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא", הָאט דִי נְשָׁמָה אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "נִישְׁט נָאר עוֹלָם הַבָּא וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן, נָאר אֲפִילוּ דֶער גֵיהִנּוֹם וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג פַאר דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן!", [זֶע אִינֶעוֵוייניג דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן], בִּיז צוּם סוֹף הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "גֵיי פוּן דָא! אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיר זֶענְט גֶעקוּמֶען מִיר טְרֵייסְטְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער אַז אִיר קוּמְט מִיר צֶעבְּרֶעכְן, גֵייט אַייךְ פוּן דַאנֶעט!".

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן אַז דִי וֶוערְטֶער זָאלְן זַיין נָאר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק, אוּן וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען? זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם) אַז דָאס אִיז וֶוען מְ'לֵייגְט אַרַיין דֶערִין "דַעַת", מְ'רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס וַוארְט אוֹיף יֶעדְן אִיד, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאר אוֹיס, אוּן אוֹיךְ רֶעדְט מֶען פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים, וָואס הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד, זֵיי וַוייזְן פַאר יֶעדְן אַז סְ'אִיז נָאךְ דָא אַ הָאפֶענוּנְג צוּ סוּקְסֶעס, אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד טוּט אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין רְכִילוּת, דָאס אִיז דָאךְ דִי פַארְקֶערְטֶע פוּן רֶעדְן גוּטְס, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶעדְן, עֶר זוּכְט נָאר צוּ טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען שְׁלֶעכְטְס פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן. נָאר פַארְקֶערְט, זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן אַלְץ צוּ רֶעדְן נָאר גוּטֶע אוּן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ, אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיִּקְרָא ד:) וֶוערְט דֶער מֹחַ אָנְגֶערוּפְן "תְּרֵין רֵעִין דְּלָא מִתְפָּרְשִׁין", דוּ וֶועסְט מַאכְן אַז דֶער מֹחַ זָאל נִישְׁט צֶעדְרוּקְט וֶוערְן פוּן צוּפִיל בְּלוּט, וָואס דָאס פַּאסִירְט וֶוען מְ'זוּכְט נָאר שְׁלֶעכְטְס.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ קוּקְן נָאר גוּט אוֹיף יֶעדְן אִיד, רֶעדְן נָאר שֵׁיין אוּן גוּט צוּ יֶעדְן אִיד, מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר זֵיי שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אוּן יֶעדֶער וֶועט וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשס"ד)

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

לַ"ג בָּעוֹמֶר

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחָק". צַדִּיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְּחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶּער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִּיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט

<<<<<<

א גוט ווארט

וֶוען וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן דִי דִמְיוֹן פוּן זִיצְן אוּן פַארְבְּרֶענֶען טֶעג אוּן נֶעכְט מִיט חֲבֵרִים? גֵיי אַהֵיים, הָאסְט אַ וַוייבּ, הָאסְט קִינְדֶער, וָואס דְרֵייסְטוּ זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ? בַּיינַאכְט אִיז דִי צַייט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, גֵיי אַהֵיים, אָדֶער לֶערְן אִין שְׁטוּבּ אָדֶער לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פְרִי, גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס בַּיינַאכְט פוּן שְׁטוּבּ פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ.

גֵיי נִישְׁט מִיט חֲבֵרִים אִין עֶרְגֶעץ, אֲפִילוּ אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים. אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן מִיט חֲבֵרִים, מֶען פָארְט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין מֶען פָארְט אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים, מֶען פָארְט לִקְבֹּר אֶת הַצַּדִּיקִים, בַּאעֶרְדִיגְן דִי צַדִּיקִים, מֶען בַּאגְרָאבְּט דִי הֵיילִיגְקֵייט וָואס צַדִּיקִים זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט זַיין אָן דִי וַוייבּ, מֶען זָאל הָאבְּן שְׁמִירָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"ה)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פַּארְוָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּיר, כ"ז לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אֵיינֶע פוּן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט וֶועגְן "פֶּסַח שֵׁנִי" (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה', אוֹת ט"ז).

דִי פַּרְשָׁה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי– אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן וָואס זֶענֶען טָמֵא גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן "קָרְבַּן פֶּסַח"– זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אַ טַעֲנָה (בַּמִּדְבָּר ט', ז'): "'לָמָּה נִגָּרַע', וָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ בִּין טָמֵא, אִיךְ טָאר נִישְׁט מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פַּארְוָואס? אִיךְ וִויל אָבֶּער אוֹיךְ מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה!" מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דִי רָצוֹן, דִי וִוילְן פוּן אָט דִי אִידְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא גֵייט עֶפֶּעס זַיין, וַוייל וֶוען מֶענְטְשְׁן ווילְן זַיין גוּט, זֵיי בֶּעטְן זִיךְ: "לָמָּה נִגָּרַע"– הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ (שַׁבָּת קד.): "הַבָּא לִטָּהֵר", וֶוען מֶען וויל זַיין גוּט, "מְסַיְּעִים אוֹתוֹ", הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל זֵיי גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ מַאכְן יֶעצְט דֶעם פֶּסַח.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַאר אוּנְז, מִיר זֶענֶען דָאךְ וִוי אַזוֹי מִיר זֶענֶען, "וְכֻלָּנוּ אִין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלַל" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ל"ט), מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז; אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי רָצוֹן, מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לָמָּה נִגָּרַע, וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחְשָׁבָה. אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיר"– וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין, מֶען וֶועט אוּנְז גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אָנְצוּהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין אַ לִיכְטִיגֶע וָואךְ, אִין דִי סְפִירָה פוּן הוֹד. דִי וָואךְ זֶענֶען תַּרְעִין פְּתִיחָן, דִי טִירְן זֶענֶען (זוֹהַר הַקָדוֹשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, דַף קנ"ג.), דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי גְרוֹיסֶע הִילוּלָא פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי.

אִיךְ וִויל אַייךְ נָאר בֶּעטְן אֵיין זַאךְ. רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט אִין זוֹהַר, אֵיידֶער עֶר הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי הֵיילִיגֶע סוֹדוֹת אִין פַּרְשַׁת נָשׂא, דִי אִידְרָא קַדִישָׁא, זָאגְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אַ לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ חַזֶר'ן מִיט אוּנְז, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע חברים (נָשׂא קכ"ח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אוּנְזֶער זַאךְ אִיז זַיין חֲבֵרִים, אוּנְזֶער כֹּחַ אִיז נָאר אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבְּן, "אֲנָן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ; בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים מוּזְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מִיר מוּזְן זִיךְ לַיידְן. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגוֹת דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מִיר וֶועלְן לֶעבְּן בְּאַחְדוּת".

זַייט מִיר נִישְׁט מְפַרְסֵם, זַייט עֶנְדֶערְשׁ מְפַרְסֵם דִי נוּמֶער פוּן דִי שִׁיעוּרִים, דִי בְּרִיוו אוּן גִּלְיוֹנוֹת. גֵייט הַפָּצָה מִיט דִי שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתוּרְגָם; עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי זִיס; נִישְׁטָא אַ קוּנְטְרֵס וָואס מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט טְרֶעפְן דֶערִין, יֶעדֶע קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז דָא דֶערִין אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן פוּנְדָאסְנֵיי, פְרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן, אָנְהוֹיבְּן נוּצְן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; אַ שָׁאד דָאס נִישְׁט צוּ טוּן, מֶען וֶוערְט דָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶע פְרַיינְט; דָאס
<<<<<<

>>>>>> מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶכֶת שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיוּן.

אַוַדַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָּשׁ בַּיים צִיוּן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס אִיז אִין דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ וִוינְקְל

דִי וָואס פָארְן יָא קַיין מִירוֹן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר דַארְפְן וִויסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגְנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן. דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרֵיינְצוּשְׁטוּפְּן אִין דִי מְעָרָה. מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ וִוינְקְל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מֵגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נִשְׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִי"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְדִים, אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפָרְדִים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם. אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זִי"ע שְׁטֵייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן: "אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן". זֶעט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן חִיוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, אוּן דֶערְפַאר פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיוּן, אוּן פוֹעֶלְ'ן אוֹיס אַלֶעס גוּטְס.

שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. דָאס מֵיינְט סֵיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סֵיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אַז זֵיי ווילְן זִיךְ גֶט'ן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶּער אַזוֹי וִוי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶן מִיט וַויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט: "וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט. וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּן וַוייטֶער. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. זֶעט מֶען וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)

לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רג)

תרפג

דָאנֶערְשְׁטָאג, עֶרֶב שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט תּוֹרָה, וָואס אִיז דֶעמָאלְט בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן דָארְט אִין זַאסְלַאב, מִיר הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אַז עֶס זָאל אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן וֶוערְן.

תרפד

דֶערְנָאךְ זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטָאט טֶעפְּלִיק צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה פַאר'ן רֶבִּי'ן נֵייעֶ זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶס גֶענוּמֶען אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה "שֶׁהֶחֱיָינוּ".

תרפה

עֶרֶב שָׁבוּעוֹת פַּארְנַאכְטְס זֶענֶען זִיךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ תְּפִלַּת מִנְחָה, מֶען הָאט גֶעוַוארְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער דֶעמָאלְט אִיז דִי רֶבִּיצִין זֵייעֶר פַארְשְׁלַאפְט גֶעוָוארְן אוּן זִי הָאט גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהוֹיכְט דִי נְשָׁמָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן אִיר בֵּיי יְצִיאַת נְשָׁמָה.

אִין אַ שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיי זַיין וַוייבּ בֵּיי יְצִיאַת נְשָׁמָה, אוּן עֶר הָאט זִיכֶער גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר אוּן גְרוֹיס בִּלְבּוּל הַמּוֹחִין לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעוָואלְט אִינְזִין הָאבְּן אוּן טוּן זַאכְן פַאר אִיר טוֹבָה וֶועגְן, אוּן עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן אַז טְרָאץ דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, הָאט עֶר גֶעקֶענְט אוֹיפְטוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט טוּן פַאר דִי טוֹבָה פוּן אִיר נְשָׁמָה.

תרפו

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ שְׁטַארְק מְזָרֵז גֶעוֶוען אוּן גֶערוּפְן דִי אָרְטִיגֶע חֶבְרָה קַדִּישָׁא פוּן שְׁטָאט זַאסְלַאב, זֵיי זֶענֶען טַאקֶע גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין בִּזְרִיזוּת אוּן גֶעטוּן וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ קֶענֶען בַּאעֶרְדִיגְן דִי נִפְטֶרֶת נָאךְ פַאר יוֹם טוֹב. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעבֶּעטְן קַיין שׁוּם גֶעלְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס דָאס פְלֶעגְט גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיפְהַאלְטְן דִי קְבוּרָה, נָאר זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אוּן גֶעטוּן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אִיר צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, אַזוֹי אַז דֶער רֶבִּי הָאט נָאךְ עֶסְפִּיעֶט זִיךְ אַרָאפְּצוּזֶעצְן שִׁבְעָה נָאךְ פַאר יוֹם טוֹב, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט שׁוֹין דֶער יוֹם טוֹב אִיבֶּערְגֶעהַאקְט דִי אֲבֵילוּת, וִוי דִי הֲלָכָה אִיז.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה אוּן אַ יְשׁוּעָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעקֶענְט זָאגְן תּוֹרָה אוּם יוֹם טוֹב, אוּן מֶען הָאט טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין דֶעם שָׁבוּעוֹת, וִוי

<<<<<<

סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

סב. אָסוּר לָאָדָם שֶׁיִּהְיֶה כְּפוּי טוֹבָה בֵּין לְיִשְׂרָאֵל בֵּין לְגוֹי. אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט זַיין קַיין כְּפוּי טוֹבָה, נִישְׁט פַאר אַ אִיד אוּן נִישְׁט פַאר אַ גוֹי.

סג. מִי שֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל יִשְׂרָאֵל, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְכַפֵּר לוֹ עַל כָּל עֲוֹנוֹתָיו. וֶוער עֶס בֶּעט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

סד. הַחוֹלֶה שֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל עַצְמוֹ בִּדְמָעוֹת, בְּוַדַּאי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יְרַפֵּא אוֹתוֹ וִיקַבֵּל תְּפִלָּתוֹ. וֶוען אַ קְרַאנְקֶער בֶּעט אַלֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן אַז עֶר זָאל גֶעהֵיילְט וֶוערְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אוֹיסְהֵיילְן אוּן אָנְנֶעמֶען זַיין תְּפִלָּה.

שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

וָואס קֶען אִיךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן?

שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט מִיר. מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ ה' אַ לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן, וִויפִיל אִיךְ וֶועל דַאנְקֶען אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט גֶענוּג.

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר בֵּיי דִי שִׁיעוּרִים וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, בַּאזוּכְן דִי עֶלְטֶערְן אוּן אָנְרוּפְן דִי עֶלְטֶערְן. אִיךְ וואוֹין נֶעבְּן מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, קוּמְט מִיר אוֹיס כִּמְעַט יֶעדְן טָאג צוּ קֶענֶען אַרוֹיפְגֵיין צוּ זֵיי, אָבֶּער מַיינֶע עֶלְטֶערְן וואוֹינֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר רֶעדְן מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, אוּן דֶערִיבֶּער רוּף אִיךְ זֵיי נִישְׁט אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן אַזוֹי אָפְט.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ חִיזוּק אוּן עֵצוֹת זֵיי יָא צוּ אָנְרוּפְן יֶעדְן טָאג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, ג' אִיָּר, י"ח לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע צוּ רוּפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן יֶעדְן טָאג, דֶערְצֵייל זֵיי אַז אַלֶעס אִיז בֵּיי עֶנְק גוּט, אוּן בַּאדַאנְק זִיךְ פַאר זֵיי; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

אַסַאךְ מָאל הַאלְט מֶען זִיךְ צוּרִיק פוּן טוּן אַ מִצְוָה וַוייל מֶען ווִיל טוּן נָאר אַסַאךְ, אוּן זַיין סְפֶּעצִיעֶל, מֶען הָאט נִישְׁט דִי גֶעפִיל צוּ טוּן דִי פַּשְׁטוּת הַמִּצְוָה. אַזוֹי אוֹיךְ אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, מֶען הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער אַרוֹיפְגֵיין צוּ עֶלְטֶערְן, וַוייל מֶען ווִיל מִיט עֶפֶּעס קוּמֶען, אָדֶער עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל טוּן וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל, מֶען דַארְף טוּן דִי מִצְווֹת אָן קַיין חֶשְׁבּוֹנוֹת.

הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן טוּן דִי מִצְוָה, רוּף דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אֲפִילוּ נָאר צוּ זָאגְן אַ גוּט מָארְגְן אוּן אַז אַלֶעס אִיז פַיין, אוּן זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן בֵּיי זֵיי, אוּן בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תַזְרִיעַ מְצוֹרָע תשפ"ה)

<<<<<< בריוו פון ראש ישיבה שליט"א

לֶעבְּן וֶוערְט אַזוֹי זִיס, אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִיז נָאר וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע מְרִירוּת אִיז כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט אָן אֱמוּנָה; וִוי נָאר מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ 'עֶס אִיז דָאךְ דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס פִירְט מִיךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיינְס, אִיךְ בִּין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי הַאנְט'- וֶוערְט אַלֶעס גוּט.

בְּנוֹגֵעַ מִירוֹן; וֶוער עֶס קֶען קוּמֶען צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי- זָאל זִיכֶער קוּמֶען, בֵּיי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי בַּאקוּמְט מֶען יְשׁוּעוֹת. צַדִּיקִים טַייטְשְׁן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אַ לָשׁוֹן (בְּרָכוֹת ט'.): "כְּדַאי הוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק", דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, וֶוען עֶס דְרוּקְט, וֶוען מֶען אִיז בְּדֹחַק- קֶען מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי; אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ שְׁלָאגְן צוּצוּקוּמֶען בִּיזְן צִיוּן, אִינֶעם מְעָרָה.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט בְּפֵירוּשׁ: "דִי גַאנְצֶע הַר מִירוֹן אִיז אַ מָקוֹם צוּ פוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת"; זִיכֶער זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי עֵרֶב רַב. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן זֵיי, דִי עֵרֶב רַב זֶענֶען רוֹצְחִים, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הָאבְּן מִיט זֵיי. מִיר הָאבְּן דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; וואוּ מֶען שְׁטֵייט – קֶען מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

אִיךְ וַוארְט שׁוֹין צוּ זַיין מִיט עֶנְק.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"ב)

מִיר וֶועלְן זֶען שְׁפֶּעטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "וֶוען אִיךְ וָואלְט זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט, וָואלְט אִיךְ שׁוֹין גֶעהֵייסְן מִיר רֶעדְן אַ שִׁידוּךְ, וַוייל דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב', י"ח) "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ", וְוייל אִיךְ נִישְׁט הֵייסְן קַיין נִישְׁט גוּטֶער".

תרפז

אִין אָנְהוֹיבּ הָאט מֶען גֶעהַאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ גְרוֹיסֶער צִימֶער נֶעבְּן דִי שׁוּל אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען דָארְט דַאוֶוענֶען מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּם יוֹם טוֹב, וַוייל מֶען הָאט גֶעזֶען אַז עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ צוּם רֶבִּי'ן. אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס דִי רֶבִּיצִין אִיז אַוֶועק, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען דַאוֶוענֶען אִינְאֵיינֶעם אִין זַיין הוֹיז, דָארְט וְוי זִי נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

תרפח

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן טַאקֶע גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב אִין הוֹיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען רוֹב עוֹלָם זִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶר אַכְסַנְיוֹת צוּ עֶסְן דִי סְעוּדָה, אוּן רֶבִּי נָתָן מִיט נָאךְ עֶטְלִיכֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ עֶסְן מִיט אִים דִי סְעוּדָה.

דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט דִי גַאנְצֶע צַייט, בֵּיי דִי סְעוּדָה הָאט עֶר נָאר גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִידְרָא רַבָּא צְווִישְׁן אֵיין מַאֲכָל אוּן דִי צְוֵוייטֶע.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט בֵּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז יֶעדְן שָׁבוּעוֹת פְּלֶעגְט מֶען זֶען דֶעם רֶבִּי'ן זָאגְט אַסַאךְ דִי אִידְרָא בֵּיי דִי סְעוּדוֹת, דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג יוֹם טוֹב הָאט עֶר גֶעזָאגְט אִידְרָא רַבָּא אוּן דֶעם צְוֵוייטְן טָאג אִידְרָא זוּטָא.

נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאבְּן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּזַאמְגֶענוּמֶען, דֶער רֶבִּי אִיז אוֹיפְגֶעוֶועזְן מִיט זֵיי אוּן גֶעזָאגְט דִי "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט שְׁנֶעל אוּן מִיט הַתְמָדָה, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם.

נָאכְ'ן תִּיקוּן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אָפְּרוּעֶן פַאר זֵייעֶר אַ קוּרְצֶע צַייט, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען בִּזְרִיזוּת אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבְלְ'ן אִין מִקְוֶה פַארְ'ן עֲלוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעדַאוְונְט שַׁחְרִית כְּוָתִיקִין צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

תרפט

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, בֵּיי דִי סְעוּדָה צוּפְרִי הָאט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם, עֶר הָאט נָאר גֶעזָאגְט אַסַאךְ אִידְרָא רַבָּא אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ דִי גַאנְצֶע סְעוּדָה.

נָאךְ יֶעדֶע מַאֲכָל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט הוֹיךְ דִי אִידְרָא רַבָּא, מִיט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע שְׁטִימֶע, אוּן וֶוען מֶען הָאט אִים דֶערְלַאנְגְט נָאךְ אַ מַאֲכָל הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַבִּיסְל, אוּן אִיז גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען זָאגְן דִי אִידְרָא, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזְרְ'ט בֵּיי יֶעדֶע מַאֲכָל.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

שיעור ליל שישי אין בית המדרש אין מאנסי

אין ספרינג וואלי פונקציאנירט דער הערליכער בית המדרש היכל הקודש אויף 34 יוניאן רד. שוין פאר לאנגע יארן צום גוטן, וואו אנשי שלומינו און פילע שכנים האבן א געשמאקע הייליגע ווינקל ווי מען פילעוועט אמונה, מען דערמאנט זיך כסדר פארוואס מען דרייט זיך דא אויף דער וועלט, און מען איז זיך מחזק צוריק צו קומען צום אייבערשטן, און אים צו טרעפן אין יעדע זאך וואס מען טוט.

דעם פארגאנגענעם ליל שישי האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן דעם וועכנטליכן ליל שישי שיעור אינעם ארטיגן בית המדרש, אינאיינעם מיט א סעודת הילולא פון הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע און מיט א סיום מסכת מכות וואס מען האט געענדיגט לערנען אין די ראמען פונעם די שיעורי הקהלה.

א גרויסער עולם אנשי שלומינו זענען זיך צוזאמגעקומען צום שיעור, מען האט געזינגען ווארעמע ניגונים, און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט איבערן בעל הילולא, איבער די גרויסע חסד וואס ער האט געטיילט עסן פאר אידישע קינדער, און מיר דארפן דאס אויך נאכמאכן צו טון חסד און נישט לאזן א איד בלייבן הונגעריג. און פון דעם איז דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעפארן אז נישט נאר דער גוף דארף עסן, נאר אויך די נשמה דארף עסן, א מענטש קען נישט שפירן קיין סיפוק און געשמאק אין לעבן אפילו אויף די וועלט, און זיכער וואס וועט זיין אויף יענע וועלט, אויב די נשמה עסט נישט און טרינקט נישט קיין תורה ותפלה.

די הונגער נאגט די נשמה זייער שטארק, אבער דער מענטש כאפט נישט וואס עס שטערט אים, ער רעדט זיך איין אז אויב וועט ער טון דאס אדער יענץ וועט ער ווערן פרייליך, אבער גארנישט העלפט נישט, ווי לאנג די נשמה ווערט נישט געזעטיגט וועט דער מענטש נישט זיין קיין צופרידענער; און דעריבער דארף מען זוכן א צדיק וואס קען טיילן עסן אויך פאר די נשמה, וואס קען אויפוועקן די הארץ און צוריקברענגען דעם מענטש צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט פון נאך אסאך נושאים; א וועג ווי אזוי יעדער איד אן אויסנאם קען זוכה זיין צו לערנען תורה יעדן טאג, פון שמירת עינים ספעציעל יעצט אין די זומער טעג, פון שלום בית, און נאך אסאך שיינע זאכן. מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף "קול ברסלב", דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורי התחזקות, נאכאמאל 2 פאר וועכנטליכע שיעורים, 10 פאר שנת תשפ"ה, און 28 פאר דעם שיעור.

כולל היכל הקודש

א הארציגן דאנק לידידינו היקרים
מו"ה **ישראל פוקס** הי"ו
און מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
פאר'ן מנדב זיין
פרנס החודש - חודש אייר
און דערמיט זוכה געווען צו נעמען א חלק אין די לימוד התורה פון די לומדי הכולל
בזכות דעם זאלט איר געבענטשט ווערן מיט אלעס גוטס

סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אהרן שלמה שווארץ** הי"ו סטעטן איילענד
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
718-387-2691
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

טעגליכע בריוו

די טעגליכע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א, פארעלייגט מיט געשמאק, זייט אייך מחי' טאג טעגליך
קול ברסלב
212-444-9191
1, 2, 5, 4

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעססעפיס; און נאך
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >